# ממשיך זיין אונזער מלחמה
# קעגן די היינטיגע יוונים

**מאמר השקפה**

פרשת מקץ - חנוכה

שנת תשפ"ו לפ"ק

אז מיר געפינען זיך בעצם יומי דחנוכה, גרייטנדיג זיך צום שבת חנוכה, שבת ראש חודש, איז א זמן פון התבוננות אין די ענינים שהזמן גרמא, וואס די זמנים דארפן אונז מעורר זיין, און וואס מיר דארפן דערפון לערנען.

## אונזער חיזוק פון 'בימים ההם'

דער ענין פון נס חנוכה בכלליות לערנט אונז איבער א תקופה אין וועלכן עס האבן זיך צוזאמען גענומען רשעים, גוי'אישע רשעים – אונטערגעבעט מיט אינערליכע הילף פון אידישע רשעים – און זיי האבן גענומען פאר זיך א ציל פון "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך", אפצופירן כלל ישראל פון אידישן וועג, און ח"ו מנתק זיין דעם קשר צווישן אידישע קינדער לאביהם שבשמים.

דער מהלך פון די יוונים איז געווען זייער אגרעסיוו, מען האט צושטערט די תלמוד תורה פון די יונגע קינדער, מען האט צושטערט די מקוואות, מען האט ארויסגעגעבן גזירות קשות אויף חודש, שבת, מילה, און אידישע קינדער זענען געווען אונטער א נאכאנאנדע טעראר, מען האט געלעבט אין שרעק נישט וויסנדיג וואס דער מארגן וועט ברענגען.

עס זענען ליידער געווען אידן וואס האבן זיך דערשראקן, זיי האבן נישט געקענט עומד בנסיון זיין, און כלל ישראל האט געליטן א שווערן פארלוסט אין יענע צייטן, עס איז געווען א 'נשירה' צו די זייט פון די מתיוונים. אבער דאך האבן די יוונים נישט געקענט אפצייכענען קיין זיג, ווייל דער רבש"ע האט דאך געגעבן פאר אידישע קינדער אן הבטחה פון "כי לא תשכח מפי זרעו".

מתתיהו כהן גדול ובניו האבן זיך אנגעגארטלט די לענדן, און מען איז ארויסגעגאנגען לוחם זיין מלחמת ה' בכח גדול וביד חזקה, מען האט מניף געווען דעם חרב נוקמת נקם ברית, און מען האט פארטיידיגט כלל ישראל קעגן זייערע אונטערדריקער, און אזוי האט מען זוכה געווען, מיט גרויס סייעתא דשמיא, מחזיר זיין עטרה ליושנה, און צוריק ברענגען דעם כבוד פונעם ביהמ"ק על מכונה.

דער נס חנוכה טוט סימבאליזירן דעם נצחון פונעם כח הקדושה איבער די כוחות הטומאה, דער כח הקדושה איז אויפגעשטאנען און דערלאנגט א שווערע קלאפ פאר די כוחות הטומאה, און דאס אידישקייט איז צוריק געגאנגען אויף איר פריערדיגן ארט.

## דער זעלבער קאמף - אנדערער שטעקן

"בימים ההם בזמן הזה".

**מיר לעבן היינט אין א דעמאקראטישע וועלט, די גאנצע וועלט האט זיך 'אהערגעשטעלט', עס זענען שוין נישט די צייטן פון מיטל-אלטער ווען דער אלגעמיינער המון עם איז געווען ווי א שפיל אין די הענט פון געציילטע מושלים, עס הערשט דעמאקראטיע, יעדער איז בארעכטיגט צו זאגן וואס ער וויל, און מען מעג רעדן אויף וועמען מען וויל, ומי יאמר לו מה תעשה.**

כאטש קיינער רעדט זיך נישט איין אז נאכדעם וואס דער כח הקדושה האט מנצח געווען אין די מלחמה, האט דער כח הטומאה אראפגעלייגט דאס געווער און אויפגעגעבן. עס ווייסט דאס יעדער איינער אז דער 'מלך זקן וכסיל' ווייסט נישט פון קיין יאוש, ביי אים עקזיסטירט נישט אזא באגריף פון צוריק טרעטן אדער אויפגעבן, ער איז שטענדיג קאמפס גרייט, און בכל דור ודור ובכל עת ובכל זמן קומט ער מיט נייע מעטאדן צו קענען ממשיך זיין מיט זיין מהלך פון "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך".

דאס מיינט אין אנדערע ווערטער אז מיר דארפן האלטן פאר די אויגן דעם סימבאל פון די הייליגע חשמונאים, מיר דארפן זיי נוצן אלס מוסטער, ווייל אויך אונז בימינו אלה גייען מיר דורך שווערע מצבים, ביטער שווערע מלחמות ווען

זיך אויס א העלדישע מלחמה דאס צו קענען צוריק שליידערן, פשוט מען דארף האבן די כוחות פון די הייליגע חשמונאים.

נאר איין זאך דארף מען געדענקען.

דער ס"מ האט נישט ליב צו זיין אלטמאדיש, צוריקגעבליבן, ער זוכט צו זיין 'אפ-טו-דעיט', און ער גייט געניי נאך אונזער סיסטעם, ער טאפט אין אונזערע שוואכקייטן און דארט זוכט ער אונז צו צוברעכן.

עס איז ריכטיג און קלאר, ווען דער יצר הרע זאל ווען היינט קומען מיט די מעטאדן וואס ער האט גענוצט אין די צייטן פון אנטיוכוס הרשע, עס זאל קומען א מלך רשע און ארויסגעבן א פארבאט ח"ו אויף מילה, חודש, שבת, ווען מיר אלע גרייט זיין נאכצוטון די חשמונאים, אידן זענען אלס גרייט זיך מוסר נפש זיין פאר כבוד שמים, פון געבוירן אן וואקסט א קינד אויף מיט'ן באגריף פון מסירות נפש, און אזא מהלך וועט קיינמאל נישט מצליח זיין.

**אידן איבער די וועלט ליידן פון שנאת ישראל אויף אן אופן אשר כמוהו לא נהייתה זינט די צווייטע וועלט מלחמה, און ליידער מזמן לזמן פאלן נעבעך קרבנות דערפון, ווען קיינער איז נישט מסופק, און יעדער ווייסט צו טייטלען מיט די פינגער  אז דער שולדיגער אין אלעם איז דער געמיינער פארשוין וואס זיין תאוות הממון והכבוד והשררה, און זיין בענקל, איז ביי אים חשוב'ער ווי אלעס, ביי אים איז יעדער פרייז ראוי פאר דעם.**

וויפיל צרות ותלאות אידישע קינדער זענען אריבער געגאנגען במשך הדורות, וויפיל זיי האבן נאר נישט מיטגעמאכט רדיפות און פייניגונגען, האט זיך יעדעס מאל ארויסגעשטעלט אז וויפיל מען זאל נאר קלאפן און פייניגן דאס אידישע פאלק ווערן זיי אלס שטארקער און שטייפער, און עס ווערט אוממעגליך זיי צו צוברעכן.

טאקע דערפאר איז דער 'מלך זקן וכסיל' נאכנישט אזוי נאריש, און ווען ער וויל אונז ארייננארן אין זאק גייט ער אויך מיט נייע פארגעשריטענע מעטאדן, און מיר דארפן זיין שטארק אויפמערקזאם דערויף כדי עס זאל אים נישט געלונגען צו טון מיט אונז וואס ער וויל.

מיר לעבן היינט אין א דעמאקראטישע וועלט, די גאנצע וועלט האט זיך 'אהערגעשטעלט', עס זענען שוין נישט די צייטן פון מיטל-אלטער ווען דער אלגעמיינער המון עם איז געווען ווי א שפיל אין די הענט פון געציילטע מושלים, עס הערשט דעמאקראטיע, יעדער איז בארעכטיגט צו זאגן וואס ער וויל, און מען מעג רעדן אויף וועמען מען וויל, ומי יאמר לו מה תעשה

ליידער האבן אבער די דעמאקראטישע ווינטן זיך היבש אריינגעכאפט אויך צווישן די רייען פון ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות, עס הערשט אן אטמאספערע פון ליבעראליזם, און דאס טוט אפעקטירן איבעראל.

אט דאס איז אונזער מלחמה בזמן הזה, זיך שלאגן קעגן דעם "זמן הזה", קעגן די ראפינירטע מיטלען פון ס"מ פון 2026, און דא דארפן מיר צייגן גבורות.

## לבי לבי על חלליהם

אבער עס איז דא נאך א נושא אויפן טיש.

עס איז אזוי שווער און עס איז אזוי ווייטאגליך, אז אריינגייענדיג אין די ימי אורה ושמחה, אין די לעכטיגע חנוכה טעג, איז ליידער אנגעקומען א שווארצער וואלקן אויף כלל ישראל.

בו ביום ווען כלל ישראל האט זיך געגרייט צום ערשטן לעכטל, איז "מקצה הארץ זמירות **[לא טובות]** שמענו", פון יענע עק וועלט אין די ווייטע אויסטראליע - דאָרט וואס ווען ביי אונז איז געווען זונטאג פארטאגס האט מען זיך שוין געגרייט צום ערשטן לעכטל - איז אנגעקומען שוידערליכע בשורות, בשורות איוב. צוויי געמיינע רוצחים האבן דורכגעפירט א שוידערליכע שחיטה ר"ל, וואס האט אפגעקאסט א טייערן פרייז פון זעכצן נפשות מישראל ה' ישמרנו, און נאך צענדליגער פארוואונדעטע אין די שפיטעלער.

און עס דארף באמערקט ווערן, יעדעס מאל ווען מ'הערט פון אזא אומגליק איז מען נייגעריג צו הערן '**וויפיל טויטע**', '**וויפיל פארוואונדעטע**', וויפיל '**שווער פארוואונדעטע**', און וויפיל '**לייכט פארוואונדעטע**'.

עס איז דער טבע האנושי אז ווען מ'הערט 'פארוואונדעטע' איז מען רואיגער ווי ווען מ'הערט די מספר פון 'טויטע', און ביי 'לייכט פארוואונדעטע' לאזט מען שוין ארויס א דערלייכטערונגס אטעם. אבער דאס איז ווייט נישט ריכטיג.

'שווער פארוואונדעטע' ענדיגט זיך ליידער אפטמאל אדער מיט טויט ר"ל, אדער מיט א ווייטערדיגע לעבן וואס איז אפטמאל 'טוב מותם מחייהם'. און 'לייכט פארוואונדעט' מיינט אויך אין רוב פעלער פארבלייבן א בעל מום ר"ל אויפ'ן גאנצן לעבן.

דערפאר ווען דאס וויטאג על שבר בת עמי, דאס רחמנות וואס א איד שפירט נאטורליך צו א צווייטן איד אין יענע עק וועלט, טאר נישט ווייניגער ווערן ווען מ'הערט די מספר פון 'פארוואונדעטע' און אפילו 'לייכט פארוואונדעטע'.

דא האט אזא שרעקליכע טראגעדיע פאסירט, טאקע נישט אין קיין חסיד'יש ווינקל, טאקע נישט א גאר היימיש ווינקל, אבער יא אין כלל ישראל.

**"לבי לבי על חלליהם, מעי מעי על חלליהם"**. אונזער צער און אונזער וויטאג אויף פארגאסן אידיש בלוט, ווי ווייט עס זאל נאר זיין געאגראפיש - אפילו אזוי ווייט ווי אויסטראליע - איז דאס אבער ביי יעדן איד נאנט אין הארץ, ווייל מיר זענען צוזאמגעבינדן מיט א קשר פון **"אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל"**.

ווען אזא טראגעדיע פאסירט ביי אידישע קינדער וואס היטן שבת, לייגן תפילין, פירן א אידישע שטוב, און צינדן חנוכה ליכט, וואס דאס טוט סימבאליזירן די התגברות פון כח הקדושה קעגן די כח הטומאה, דאס התגברות פון חלשים קעגן גיבורים, טהורים קעגן טמאים, צדיקים קעגן רשעים, טוט דאס זייער זייער וויי.

## פון וויטאג צו אויפברויז

ווען עס קומען אן אזעלכע שמועות מבהילות, וויטאג איז איין זאך, אויפרעגעניש און צארן, דאס איז שוין גאר א צווייטע זאך.

עס איז שווער צו בלייבן רואיג, עס איז שווער צו באהערשן די נאטורליכע אויפברויז - וואס אין אזא מצב דארף מען זיין אויסטערליש פארזיכטיג און אויסגערעכנט, נישט לאזן פאלן קיין איבריגע ווערטער - וואס זאלן קענען נאכמער פארגרעסערן דעם וויטאג און ברענגען ח"ו שווערע שאדן פאר אידן, דארטיגע, און פאר כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם.

אבער די ערשטע רעאקציע וואס איז אנגעקומען גאר קורץ נאך די שרעקליכע טראגעדיע, אך איידער דער מח האט מיט רעכט פארדייעט די אומגליק וואס האט פאסירט, נאך איידער מ'האט בכלל געוואוסט וויפיל הרוגים הי"ד עס זענען דא, איז געווען פון א הדיוט קופץ בראש - נישט סתם א הדיוט, נאר א הדיוט שבהדיוטים, א שפל שבשפלים, פון די געמיינסטע בריות וואס געפונען זיך אויף אונזער ערד קוגל.

יא, דער ראש הכופרים ביבי נתניהו שר"י, האט געלאזט הערן זיין פה דובר נבלה תיכף ומיד.

אט דער קאלטבלוטיגער פארשוין, וואס די גאנצע וועלט באשולדיגט אים אין רציחה פון צענדליגער טויזנטער ציווילע, די גאנצע וועלט ווינט צו אים ער זאל אויפהערן צו רייצן אלע מדינות קעגן אידישע קינדער, אלע אומות העולם, אריינגערעכנט זיין אנגעבליכער 'בוזעם פריינט' טראמפ, שרייען אז זיינע ווילדע שריט לייגט אריין די גאנצע וועלט אין א סכנה - איבערהויפט יעדן איד אויף די וועלט באשר הוא שם.

אידן איבער די וועלטליידן פון שנאת ישראל אויף אן אופן אשר כמוהו לא נהייתה זינט די צווייטע וועלט מלחמה, און ליידער מזמן לזמן פאלן נעבעך קרבנות דערפון, ווען קיינער איז נישט מסופק, און יעדער ווייסט צו טייטלען מיט די פינגער אז דער שולדיגער אין אלעם איז דער געמיינער פארשוין וואס זיין תאוות הממון והכבוד והשררה, און זיין בענקל, איז ביי אים חשוב'ער ווי אלעס, ביי אים איז יעדער פרייז ראוי פאר דעם.

> **ווי נעמט מען אזויפיל חוצפה?! מ'קען דאס נישט פארשטיין נאר לויט די ווערטער פון חז"ל, "ישראל כשהן יורדין יורדין עד... ועד בכלל".**
>
> **א עוכר ישראל, א פושע ישראל, א מחלל שם שמים, א חוטא ומחטיא את הרבים, קומט ארויס דאס ערגסטע וואס דער מח קען זיך פארשטעלן, און דאס שפיגלט זיך אפ אין דיעזע געמיינע ברי'.**
>
> **"יופי לך מדינת ישראל!", עס פאסט אזא התנהגות פאר'ן בלוי-ווייסן פאן! דאס גאנצע קאלירפולקייט און גלאנץ פון 'הערצל'ס אידישע מדינה' שפיגלט זיך אפ אין די פארפוילטע פירות פון דעם עומד בראשה.**

אט דער לויזיגער עזות פנים איז ארויפגעשפרינגען תיכף ומיד און אויסגעשטרעקט א פינגער צו באשולדיגן דעם אויסטראלישן פרעמיער - אין דער צייט וואס יענער איז נאך טיף שאקירט פון די טראגעדיע אין זיין מדינה - אז ער איז גאר שולדיג צוליב די פאליטישע שטעלונגען וואס ער האט גענומען בנוגע די ציוני'סטישע מדינה.

עס איז בכלל נישטא קיין ווערטער צו רעאגירן און ארויסברענגען דעם אויפברויז, כעס און צארן, דאס בלוט וואס דער ביליגער יונג קאכט אויף ביי יעדן איינעם.

אנשטאט וואס ווען אזא טראגעדיע פאסירט זאל ער אריינלויפן אינעם טיפסטן בונקער וואס ער האט, ער זאל זיך שעמען ארויסצושטעקן דאס שפיץ נעזל פאר די קומענדיגע חדשים, ווען יעדער וואס הערט אזא טראגעדיע אין א אידישן

צענטער טראכט גראד "ווידערמאל א קרבן פון די ציוני'סטישע התגרות... ווידערמאל באצאלט כלל ישראל א פרייז פאר זיינע תאוות, פאר זיין געמיינהייט, פאר זיין אינטערעס אין זיין בענקל" איז ער נאך דא דער ערשטער צו ווארפן דעם שולד אויפ'ן צווייטן.

אן אריינגיין אין אויסטראלישע פאליטיק, און צי מ'קען יא אדער נישט באשולדיגן א פירער פון א לאנד אין די אקטיוויטעטן פון עטליכע איינצעלנע טעראריסטן [ווי כאילו עס פאסירן נישט קיין טעראר אטאקעס אין אנדערע לענדער, אריינגערעכנט מדינת ישראל זעלבסט] איז דאס רשעות פון גיין 'אויפרייצן דעם בער' און נאכמער אויפפלאקערן אנטיסעמיטיזם אין אויסטראליע, נאכמער פארגרעסערן די סכנה וואס שוועבט אויף אזויפיל טויזנטער אידן, פשוט אומדערהערט.

ווי נעמט מען אזויפיל חוצפה?! מ'קען דאס נישט פארשטיין נאר לויט די ווערטער פון חז"ל, "ישראל כשהן יורדין יורדין עד... ועד בכלל". א עוכר ישראל, א פושע ישראל, א מחלל שם שמים, א חוטא ומחטיא את הרבים, קומט ארויס דאס ערגסטע וואס דער מח קען זיך פארשטעלן, און דאס שפיגלט זיך אפ אין דיעזע געמיינע ברי'.

"יופי לך מדינת ישראל!", עס פאסט אזא התנהגות פאר'ן בלוי-ווייסן פאן! דאס גאנצע קאלירפולקייט און גלאנץ פון 'הערצל'ס אידישע מדינה' שפיגלט זיך אפ אין די פארפוילטע פירות פון דעם עומד בראשה.

אין דעם זמן וואס מיר חזר'ן איבער דעם 'בימים ההם בזמן הזה', דער זמן ווען די חשמונאים האבן זיך געשטארקט קעגן די מתיוונים, דער זמן וואס דער כח הקדושה האט מנצח געווען, איז אונזער חובת השעה זיך צו אויסקלארן די מוחות קעגן די פינסטערע קליפת הציונית, א טומאה עמוקה וואס איז אין זיך כולל אלע טומאות, און אלע קליפות פון אלע אומות העולם, און כסדר חזר'ן דעם פך שמן טהור, דאס לערנען און זיך קלאר מאכן אין די יסודות פון די ריינע אמונה, אז מיר זאלן אליינס זיין קלארע לעכטיגע אויסגעהאלטענע אידן.

משמים האט זיך דאס געפירט אז דייקא אין די טעג וואס אידישע קינדער זענען זיך מחזק אין די חומת ההבדלה, מ'איז זיך מחזק צו גיין אינעם דרך פון די חשמונאים, און פארשטארקערן אונזער הבדלה מיט די היינטיגע יוונים, זאל ווידער אמאל ארויסקומען דעם שווארצן בילד פון די 'ישראל כשהן יורדין', אז מיר זאלן וויסן און פארשטיין דאס ממאס צו זיין, און ווי ווייט מיר מוזן זיך מבדיל ומפריש זיין פון די קליפה.

## שומר ישראל שמור שארית ישראל

און אין די זעלבע צייט טוען מיר, צוזאמען מיט גאנץ כלל ישראל, אויסדרוקן אונזער אויסטערלישער שאק, טרויער, ווייטאג, און מיטגעפיל צו די שרעקליכע אומגליק פון אזויפיל אידישע באטראפענע, און דעם טרייסל וואס דאס ברענגט ביי אלע אידן אין אויסטראליע, און ארום די וועלט.

מיר לעבן היינט ליידער אין אזא שרעקליכע תקופה וואס אנטיסעמיטיזם הייבט דעם קאפ, אין גרויסן טייל טאקע צו פארדאנקען די געמיינע שריט פון די ציוני'סטישע באוועגונג, אין מדינת ישראל און אומעטום, אבער נאך אלעם ליידן דערפון אלע אידן איבער די וועלט.

דער מצב ווערט ערנסטער מיט יעדן טאג וואס גייט פארביי, און די סכנה זעצט פאר צו שטייגן. ס'איז א שרעקעדיגע צייט פאר אידן, און מיר מוזן מתפלל זיין פון טיפן הארצן צום שומר ישראל, אז עס זאלן שוין מער נישט פאלן קיין אידישע קרבנות.

בפרט די איצטיגע ימי אורה, די יומי דחנוכה, ווען ס'איז געווען דער נס פון רבים ביד מעטים וטמאים ביד טהורים, איז די ריכטיגע צייט מעורר רחמים צו זיין אויף אידישע קינדער, ס'זאל שוין זיין "ואתה ברחמיך הרבים הפרת עצתם וקלקלת מחשבתם", מיר זאלן פטור ווערן פון אלע שונאי ורודפי ישראל מבית ומבחוץ, און אז משיח צדקינו זאל אונז שוין אויסלייזן פון דעם לאנגן ביטערן גלות.

ונודה לשמך הגדול סלה.

מיר לעבן היינט ליידער אין אזא שרעקליכע תקופה וואס אנטיסעמיטיזם הייבט דעם קאפ, אין גרויסן טייל טאקע צו פארדאנקען די געמיינע שריט פון די ציוני'סטישע באוועגונג, אין מדינת ישראל און אומעטום, אבער נאך אלעם ליידן דערפון אלע אידן איבער די וועלט.

דער מצב ווערט ערנסטער מיט יעדן טאג וואס גייט פארביי, און די סכנה זעצט פאר צו שטייגן. ס'איז א שרעקעדיגע צייט פאר אידן, און מיר מוזן מתפלל זיין פון טיפן הארצן צום שומר ישראל, אז עס זאלן שוין מער נישט פאלן קיין אידישע קרבנות.